STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06253

FAR ZUN-OYFGANG

Sara Birnbaum

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שרה בירנבוים

פאַר זונ־אויפגאַנג

שרה בירנבוים

פאַר זון-אויפגאַנג

(לידער)

★

בוענאָס-איירעס 1962

אַרויסגעגעבן פון דער
פרויען־קאָמיסיע פון פאַרבאַנד פון וואַרשעווער און פראַגער יידן
מיט דער מיטהילף פון באַקאַנטן געזעלשאַפטלעכן עסקן
שמואל גלאַזערמאַן און דראַ. טערעסאַ ביק

אינהאַלט:

די עכטקייט פון שרה בירנבוימס דיכטונג — 7
פאַר זון־אויפגאַנג — 15
ליד קאָן היילן — 16
יום העצמאות — 17
אַזוי ווילסטו, גאָט! — 18
פאַר דיינע וואונדער — 19
חלום און וואָר — 20
ייִדיש — 21
ווידער בלומען — 22
זאַמדן — 23
אָ גאָט! — 24
אין מיינע וועגן — 25
מיין טאַטע — 26
אפשר — 27
דאָס שבתדיקע טישטעך — 28
פון זיידנס ספרל — 29
דער אומעט — 31
פאַרבאָרגן — 32
אַ שפּילעכל ביי גאָט! — 33
דאָס פאַרפום־פלעשלע — 34
איך האָב זיך געזעגנט — 36
זיי געזונט — 37
אויף דער ווייל — 38
מיין חלום — 39
בלייב מיט מיר — 40
אַ ביגטל זשאַסמין — 42
ווי אַ שטערן — 44
געגאַרט — 46
ביי די שוועלן — 47
אַ געבעט צו דער לבנה — 49

צום מענטש — 50
מען קלאַפּט אין מיין טיר — 51
אַ שיף איז אָפּגעגאַנגען — 52
אַליין — 53
אין זיבעטן הימל — 54
אַ געבעט — 56
לאָז מיך חלומען וועלט — 58
דער שמייכל — 59
דו פרעגסט ? — 60
נישט פאַרגעסן — 61
אַכצן רויזן — 63
דאָס נעגער־געזאַנג — 65
די וועשן — 66
אַ נעגער־ליד — 67
אַ תפילה — 68
זאַמדיקע ווינטן — 69
ווען דו קומסט — 70
אין מיטן טאָל — 71
מיין חלום — 73
שלאָף איין, מיין קינד — 74
וויין נישט — 76
די צוועלפטע שעה — 77
דאָס וווּנדער־קינד — 78
אַ מעשה אין דער וואָר — 79
דיין נאָמען — 81
דאָס ליד — 83
ליבע־געזאַנג — 84
דו — 85
האָסט אויפגעברויזט מיין בלוט — 86
דאָס געבעט פון מיין ליד — 87
דערקענט מיינע טעג — 88
מיין ליד אַ פויגל — 89
קינדער פון ישראל — 90
צעשטראַל זיך מיין ליד — 91
וואָס זשע זינגט אין מיר — 92
מיין גאָרטן — 93

די עכטקייט פון שרה בירנבוימס דיכטונג

(רעפעראַט געהאַלטן ביי דער באַערונג פאַר דער
דיכטערן פון דער פּראָווינץ־קאָמיסיע ביים לאַנדסלייט
פאַרבאַנד פון וואַרשעווער, פּראַגער און אומגעגנט)

איך האָב מיט פאַרגעניגן אָנגענומען צו האַלטן אַ סינטעטישן רעפעראַט וועגן דער דיכטונג פון שרה בירנבוים, ווייל שרה בירנבוים איז איינע פון די שטילסטע און באַשיידנסטע שרייבערנס ביי אונדז און ווייל איר פּאָעזיע איז שטענדיק עכט. שרה בירנבוים שרייבט קיין מאָל נישט, ווייל זי וויל שרייבן. אירס אַ ליד איז שטענדיק דער אויסדרוק פון אַ געפיל. איז זי טרויעריק — (און זייער אָפט), — שרייבט זי אַ ליד; איז זי פריילעך — (און זייער זעלטן) — שרייבט זי אַ ליד. בענקט זי, גלייבט זי — שרייבט זי לידער. זי זוכט נישט קיין נייע פאָרמען, זי זוכט נישט צו איבעראַשן מיט בריהשאַפט און ווירטואָזיטעט, ביי איר איז דער עיקר דאָס געפיל.

אין אָט דעם פּרט איז זי אַ שילערן פון י. מ. ווייסנבערג ע״ה, אין וועמענס אַן אויסגאַבע זי האָט געדרוקט אירע ערשטע לידער. זי געהער דווקא, אַלס דיכטערן, צו דער ראָמאַנטישער שול, נישט צו ווייסנבערגס נאַטוראַליסטישן דרך, אָבער זי האָט ביים מחבר פון „אַ שטעטל״ געלערנט צו זיין עכט און קיין מאָל נישט שרייבן ווען עס איז נישט פאַראַן דאָס עכטע געפיל.

ביאַליק האָט אַמאָל געזאָגט, אַז דיכטער וועלן זוכה זיין משיח זאָל

אויף זיי קומען. ער האָט זיך נאָטירלעך באַצויגן צו דעם גמרא־זאָג, אַז משיח וועט זיין אַן אָרעמאַן, וואָס רייט אויף אַן אייזל (עני ורוכב על החמור) און ער האָט אויך געוואָלט מיינען איראָניש, אַז דיכטער זענען אייזלען (ער האָט דערמיט קיינעם נישט באַליידיקט חלילה, ווייל ער איז דאָך אַליין אויך געווען אַ... שטיקל דיכטער), אָבער ער האָט אויך געמיינט צו זאָגן גאַנץ ערנסט, אַז די דיכטונג אַליין, אויב זי איז עכט, ברענגט זי משיחן. זי לייזט אויס פון ליידן און ברענגט גלויבן. ביי שרה בירנבוים אין די קליינע לידער מיט די שטאַרקע געפילן איז פאַראַן דער דראַנג אַרויסצוזינגען דעם טרויער און זיך אויסלייזן פון אים און צו אַרויפזינגען גלויבן.

ביי שרה בירנבוים איז דער עיקר פון אַלע עיקרים דאָס זינגען אַליין. און נישט אומזיסט איז דער נאָמען פון ערשטן ביכל לידער פון אירע, וואָס מלך ראַוויטש האָט דאָ אַרויסגעגעבן: „זינג איך מיר". און אויב דאָס צווייטע בוך אירס, וואָס דער שרייבער פאַריין „ה. ד. נאָמבערג" האָט אַרויסגעגעבן, הייסט „געזאַנג אין שטורעם", איז דער שטורעם נישט אירער, ער איז דער צייטס, אירס איז דאָס געזאַנג. זי זאָגט אויף זיך, אַז די דיכטונג איז איר גורל און אַז זי איז „אַ פרינץ אין בעטלער־קליידער".

און נישט נאָר איר אייגענער גורל איז די פּאָעזיע פאַר איר, נאָר אויך דער וועלטס גורל. זי האַלט, אַז דאָס פּאָעטישע געוויין קען ראַטעווען די וועלט:

ברעכט מיין שוויגן
אויס אין דונערס,
צעפליסט מיין טרער זיך
אין אַ מבול,
שווענקט אַראָפּ
דאָס שלעכטע פון די ערדן,
ברענגען טויבן
זונען־בשורות.

אַ נישט־גלייביקער האָט מורא אַז אַ מבול וועט אומברענגען און אויב דאָס לעבן איז אַזוי ביטער, אַז פון טרערן קען ווערן אַ מבול, איז אַוודאי צום שרעקן זיך, אַז דער מבול וועט ברענגען פאַרדאַרבונג. אָבער שרה

בירנבוים גלייבט, אַז דער מבול פון טרערן וועט אָפּשווענקען דאָס שלעכטס פון די ערדן.

שרה בירנבוים ווייסט, אַז דאָס לעבן איז „געבורט און צעשטערט", אַז ס'זענען —

געבורט און פאַרגיין
אַ שוועסטער־צווילינג,
איינע האַרבסט
און די צווייטע פרילינג.

אָבער זי גלייבט אין געבורט און אין פרילינג. זי גלייבט אין דעם, כאָטש די וועלט איז אַזוי שלעכט. זי זעט און פילט די טרערן פון די מאַמעס און זי זעט אויך ווי ראָבן „לאַכן פון מאַמעס טרערן", אָבער זי גלייבט אַז אַ שטורעם־ווינט וועט צעטרייסלען די נעסטן פון די ראָבן און „די זון וועט בליִען אין מאַמעס אויגן" און

וואָרקן טויבן
שוין אַ בשורה
פון אַ העלן
רעגנבויגן.

איר בענקשאַפט נאָך פרייד האָט זי געפירט צו שרייבן קינדער־לידער; ווער נאָך, ווי קינדער, קענען אַזוי גרינג אַריבערגיין פון געוויין צו געלעכטער? קינדער זינגען:

האָבן וואָלקנדלעך געלאַכט,
האָבן וואָלקנדלעך געקוועלט,
און געיאָגט זיך
איבער וועלט.

פאַר דערוואַקסענע וויינען די וואָלקנס, אָבער פאַר קינדער לאַכן זיי. זיי פרייען זיך, ווען די וואָלקנדלעך וויינען שוין:

בין איך מיר אַ רעגנדל
פון פרילינגדיקער צייט,
דערזעען מיך די קינדערלעך,
לאַכן זיי מיט פרייד.

מיר שיינט, אַז דאָס וואָרט וואָס שרה בירנבוים נוצט צום מערסטן איז זון. איר חלום איז זונען־שיין. אָבער אויך זון־פאַרגאַנג טרייסט זי:

אויף די קנייטשן פון פּנים
פון דער אָרעמער הענדלערן
איז די זון פאַרגאַנגען.

עפּעס סוגערירט אַט דאָס פאַרגיין פון דער זון אויפן צעקנייטשטן פּנים פון אַן אָרעמער הענדלערן, עס סוגערירט גלויבן אין אַ זון־אויפגאַנג. די דיכטערן בענקט נאָך זון און פרילינג און זי גלייבט אין זיי. דאָס כאַראַקטעריסטישסטע ליד אירס איז „די פרילינג רויז״:

איך וועל דיך בישט
אַריינלאָזן, האַרבסט.
כ׳וועל דיך טרייבן
דורך יעדן שפּאַלט
פון טיר.
מיט זון וועל איך
פאַרהענגען
די פענצטער
פון מיין הויז
און אייביק בלייבן
די פרילינג־רויז.

דאָס פאַרהענגען די פענצטער מיט זון איז אַ פיינער אימאַזש. אַ זעלטנקייט אין דער בירנבוימס דיכטונג, אָבער דער סאַמע עיקר איז אויך אין אָט דעם דאָס נישט וועלן אַריינלאָזן דעם האַרבסט. און דערפאַר איז די דיכטערן גליקלעך, ווען דער פרילינג „שרייבט אַ בריוו״ צום ווינטער

און ער הייסט זיך אים פֿאַרנעמען. און זי איז גליקלעך, ווייל — ווי עס שרייבט דער פֿרילינג צום ווינטער —

דו מיט דיין הויך
האָסט פֿאַרלאָשן די פֿרייד,
געלאָזט זיי פֿאַר שטורעם,
באַקעט אָן קלייד.
מאָ נעם דיין געפּעק,
דעם טרויער מיט זיך,
זאָל צעריבעט דיין וועזן
אין טייכן אויף גיך.

אָבער ווען דאָס לעבן האָט געבראַכט דעם שטורעם, ווען דאָס לעבן איז אַליין און איבגאַנצן געוואָרן שטורעם פֿון אומקום, האָט שׂרה בירנבוים געוויינט און געקלאָגט גלייך מיט אַלע אויפֿן אומקום פֿון די אייגענע, אויף דעם אומקום פֿון די ייִדן, אויף דעם אומקום פֿון די מענטשן. ביי איר זיצט די „באָבע וועלט" ביים ראַנד פֿון דער וועלט אין אַ געצעלט און זי פֿרעגט:

וואָס האָט מענטש
פֿון וועלט געמאַכט?

און די וועלט אַליין שלוכצט. און די דיכטערן פֿאַרלירט נישט דעם גלויבן און זי זעט:

און ווען זי ווייבט
די אויגן אויס
פּיקט אויף ס'ביי
אַ וועלט זיך אויס.

די דיכטערן זעט דעם מוראדיקן אומקום. זי זעט, אַז ס'איז גאָרנישט געבליבן פֿון דעם אָרט:

וווּ איר וויגל
איז געשטאַנען

ערגעץ איבער
ימען ווייט,
אין אַ שטיבל
אויף אַ בערגל,
וואָס האָט געשפּיגלט
זיך אין טייך.

פון דעם אַלעמען איז געוואָרן שטויב. אָבער —

די בענקשאַפט
איז געבליבן
ווי די לעצטע
פלאַמען־זון.

ווען עס איז דאָ בענקשאַפט, ווען עס זענען נאָך פאַראַן לעצטע זונען־פלאַמען, איז נאָך אַלץ עפּעס פאַראַן. אין דער דיכטונג איז דאָס געפיל און דער חלום פּונקט אַזאַ יש ווי די ווירקלעכקייט אַליין. און די דיכטערין וויל טאַקע אַז איר ליד זאָל זיין אַ פויגל, אַז ס'זאָל זיין

די ווייסע
נחס טויב,
וואָס טראָגט
פאַר וועלט
אַ בלעטל גרין.
אַ צייכן,
אַז דער מבול
איז אַריבער.

איך בין צופרידן, וואָס איך האָב געקראָגן די געלעגנהייט צו ברענגען אָט די אָפּשאַצונג.

איז עס טאַקע אַ שיינער אויפטו פון דער דערמאָנטער פּרויען־קאָמיסיע צו דורכפירן אַזאַ שיינעם יום־טוב פאַר דער שטילער און עכטער דיכטערין שרה בירנבוים.

יעקב באָטאָשאַנסקי
(„די פּרעסע“, 1961 VI/22)

פאר זון - אויפגאנג

פאַר זון־אויפגאַנג

טרייסל אָפּ,
די לעצטע טראָפּנס
פון דער נאַכט.

וויש אָפּ דעם טרויער
פון דיין פאַרצווייפלט
געזיכט,
אין מאָרגן־שטערנדיקן
ליכט.

דיין צעוווּנדיקטע הויט
פון די גלות־טריט,
הייל אין די טויען
פון זון־אויפגאַנג.

און גלייב ווי דער אמת,
גלייב ווי דאָס קינד,
אַז זיבן זונען
דיין מאָרגן —
שפּינט.

ליד קאַן היילן

ליד קאָן היילן
ווונדן גרויסע,
ליד קאָן היילן
ווי זאַלבן צאַרט.

באַפעל איך ליד דיך:
שוועבן דאָרטן,
ווו אויגן דורשטיקע,
זוכן תפילהדיק
געהיילט צו ווערן,
דורך דיינע ליכטיקע
זאַלבן רייד.

פֿאַר זיי זינג אויס
דיין ניגון,
פֿאַר זיי, צעבלי
די וועלט.

יום העצמאות

מיט וואָס פאַר אַ וואָרט?
מיט וואָס פאַר אַ רייד,
באַזינגען
דעם ייִדישן וווּנדער,
די צוויי טויזנט יאָריקע
פרייד?

נישטאָ אַזאַ וואָרט,
נישטאָ אַזאַ קלאַנג,
עס זאָל אויסגיסן
דעם ניגון
פון דעם, גרויסן
געזאַנג

— — — — —

בעט איך דיך גאָט:
צעוויקל דעם צויבער
די פעדעם
פון אייביקער פראַכט,

צו שפּינען דאָס ליד,
פון ייִדישן וואַנדער —
וואָס האָט העל געמאַכט
אונדזער נאַכט...

אַזוי ווילסטו, גאָט!

דאָס ליד איז געהייליקט דעם
אָנדענק פֿון לעבנס באַגלייטער
יהושע מיכאַלעוויטש
האָט ער געהייסן.

איך בין דאָ!
דו זעסט —
פֿון אַלע פֿײַערן
געקומען
און איך בין דאָ!
און וועל זײַן —

אַזוי ווילסטו גאָט!
דו, און איך דיין פֿאָלק
ישראל.

אויסגעפּרוּווט מיך,
מיט אַלע פּײַנען,
און ווען דו זעסט —
איך וועל אין גאַנצן
פֿאַרלוירן גיין.

שטראַלסטו ווידער אויף,
מײַן מזל,
און מיט מײַן נאָמען —
צעזונגסטו
די וועלט.

פֿאַר דיינע ווונדער

זאָל מיין תּפֿילה
זיין דאָס שווייגן,
זאָל מיין שווייגן,
זיין דער צווייט.

וואָס איך האָב
אין אַלע מיינע
פֿרילינגס,

געגרינט פֿאַר דיינע
ווונדער —
מיין תּפֿילה,
און מיין ליד.

חלום און וואָר

האָב איך אַ פֿריינד —
איז זיין חלום
אַ וואָר,
פּונקט ווי די כוואַליעס
צעשויבערט
די האָר.

שטראַלט מיט געדאַנקען,
ווי דער פֿרילינג,
מיט צוויט.

זיין חלום —
רוישיקער קאָרן
אויף ייִדישע פֿעלדער
מיט ליד.

פּונקט ווי דער ים,
שטראָמיק און פֿריש,
ווערט חלום מיין פֿריינדס,
וואָריקע פּירות,
אויפֿן ייִדישן טיש.

יידיש

רעדט און וויינט
די מאַמע ייִדיש:
לעבט בשלום
קינדער, היינט.

מאַכט צווישן שפּראַך
קיין חילוק:
העברעיִש, ייִדיש,
אַ שוועסטער־צווילינג.

פון ביידע שפּראַכן
פלעכט אַ קראַנץ,
ווייל איר האָט
אין חורבן־טרערן
אויסגעפּערלט
אייער גלאַנץ.

ווי די בלומען

אַ מתנה לכבוד 10 יאָר
מדינת ישראל

ווי די בלומען
מיינע לידער
איינע איז
די רויטע רויז,
כוואַליעט זי
מיט שטורעם בלויז.

די צווייטע איז
די ווייסע בלום,
וואָס פלאַטערט
מיט שלום
צנועהדיק פרום.

די דריטע איז
די ראָזע קווייט,
וואָס שטראַלט
מיט ליבע
און מיט פרייד.

די פערטע איז
דער בלויער צווייט
פון דעם פרילינג —
פאַרגעם מיך נישט.

בינד איך זיי צונויף
אין באַנד —
אַ מתנה
מיין יידיש לאַנד.

זאַמדן

עס וויינען די זאַמדן
פון נישט-צעאַקערטער ערד,
וויינענדיק שעפּטשען זיי
צום אויער פון מענטש:

באַריר אונדז
ליכטיקער מענטש
מיט דיין וואַרעמער האַנט.

זאָל יעדער זעמדל,
פון אונדזער
שטיינערנער ערד
ווערן ווייך און צאַרט,

אויפגיין ווי אין פרילינג אַ בלום.
און צעפּלאַנצן
דאָס שטיינערנע האַרץ —
מיט וויינגערטנער פון רום.

אָ גאָט!

אָ גאָט!
מיט דיינע הענט
געבענטשט מיין קאָפּ,
צעשטראַלט מיין האַרץ
מיט געזאַנג.

און ווי אַ וווּנדער
געלאָזט מיך,
אויפן ים,
פון וועלט.

האָב איך מיר
אַ רעטונג־שיפל
געוועבט פון חלום,
און פון ליד.

און איך קעמף
מיט ווילדע שטורעמס,
צעברויזטע ימען,
ווערן קינדיש גוט.

אין מיינע וועגן

וועז דו ווילסט
אין מיינע וועגן גיין,
לויטער אוים,
דאָס טונקל ליכט
אין דיין געביין.

האָב ליב דיין פאָלק,
ליב דעם מענטש,
און אַלץ וואָס גאָט!
האָט אין זיין
פאַרליבטער שעה
געבענטשט.

מײַן טאַטע

װוּ איך זע אַ ספֿר ליגן
אַ סידור, אַ גמרא,
דאָרטן שװעבט
מײַן טאַטנס אויגן,
הימלען בלויע
אויסגעשטראַלטע.

װען ער פֿלעגט
אין ספֿר קוקן,
סײַ בײַ נאַכט,
און סײַ באַגינען,

האָבן תּפֿילהס
זיך צעלויכטן
אויף זײַנע ליפּן
װי רובינען.

און דעם טאַטנס
גמרא־ניגון,
פֿלעגט זיך שפּרייטן
װי טרויבן־צװײַגן.

און יעדער װינקל
פֿון דער שטוב,
זיך געשפּיגלט
אין הייליקייט
צעבליטן.

אפשר?

אפשר האָט אַ לעבן
פאַרגייענדיק
אין פלאַם,
זיך פאַרוועבט
אין בליִענדיקן
גראָז —

און גרייט אַ קנאָספּ
פאַר אַ בלום?
נישט וואַרף קיין שטויב
אויף דעם גלאַנץ
וואָס דער מאָרגנטוי
האָט באַהויכט.

און גרייט אַ נײַעם
לעבן צו,
אין אַ בעכער
פון אַ בלום.

דאָס שבתדיקע טישטעך

איך געדענק:
ווען מיין מאַמע
פלעגט זאָגן
גאָט פון אַברהם,

און קוקן אין פענצטער,
זוכן אין הימל —
דעם ערשטן שטערן,
צו מעגן אָנצינדן
אַ ליכט,

פיל איך נאָך איצט,
די בענקשאַפט
נאָך דעם שבת.

זייענדיק אַ קינד,
פלעג איך טראַכטן:
ווי גוט וואָלט געווען,

ווען דאָס שבתדיקע,
טישטעך —
זאָל שטענדיק
פאַרשפּרייט זײַן,

און די וואָכעדיקייט,
זאָל קיין שליטה
נישט האָבן.

מיין זיידנס ספרל

מיין זיידנס ספרל
מיט די פערלדיקע
אותיות
וואָס ער אַליין,
האָט מיט זיין האַנט
געשריבן,
שוועבט מיר איצט
פאַר מיינע אויגן.

אַט זע איך מײַן היים —
איך ראָם די שטוב,
לייג גלײַך
די ספרים,

און ווען עס קומט מיר
אין האַנט,
מיין זיידנס ספרל,
עפן איך עס.

באַטראַכט יעדער בלאַט,
קוש אוים, מיט מיינע
נאָך קינדערשע
בליקן,
יעדער פערלדיקן
אות,
און רעד צו זיך:

אָ, ווי גרוים איז
מיין זיידע געוועז,
אַליין אַ ספרל
שרײַבן.

און אַ פרייד
האָט אויפגעלויכטן
מיין האַרץ
און צעשטראַלט זיך
אין אַ ניגון.

און אַזוי באַגלייט מיך,
יענער שטראַלנדיקער
ניגון.
אויף אַלע מײַנע
וועגן.

דער אומעט

עס וויל דער אומעט
מיך פאַרנאַרן,
און פאַרשלעפּן
אין זיין תהום;

לעשט ער אוים
ביי נאַכט דאָס פיַיער,
און פאַרטונקלט
מיר מיַין טרוים.

שושקעט, שושקעט,
מיר אין אויער:
ער איז דער קעניג
פון טונקל-קוואַל,

ווו עס שוימען
בעכערס פריילעך
מישט ער דאָרטן
אוים מיט גאַל.

ער וויל איך זאָל אים
זיין אַ חבר,
זינגען אים
נאָך זיין געמיט,

און איך יאָג אים,
און פאַרטרייב אים
ווען איך זינג —
מיין זוניק-ליד.

פֿאַרבאָרגן

עפּעס מוז דאָך
זיין פֿאַרבאָרגן,
עפּעס מוז דאָך
זיין פֿאַרשטעלט.

ווייל מען קען נישט
מיט דעם נאַקעט
אומגיין שטענדיק
איבער וועלט.

האָט אַזוי געזאָגט
מיין מאַמע —
מיך געלערנט:
נישט זיין צעפּראַלט.

הוץ פֿאַר גאָט!
מיין קינד —
דערצייל דיין ליד,
ווייטער האַלט
פֿאַרבאָרגן אַלץ,

ווייל, ווען דו צופֿיל
נאַקעט ביסט,
ווערט דיין קנאָספּן־האַרץ
לער און פּוסט.

אַ שפּילעכל ביי גאָט!

איך בין אַ שפּילעכל
ביי גאָט!
ער שפּילט מיט מיר
ווי ווינט מיט גראָז.

אָט דערהייבט ער מיך
צום הימל —
און גלייך ווידער
מיך צעבלאָזט.

דאָס פּערפּום־פלעשעלע

דאָס פּערפּום־פלעשעלע
פון פּימסן־האָלץ,
וואָס שטייט
אויף מיין שרייבטיש,
וועקט מיר אַ בילד:

אָט זע איך מיין היים
הער די מיי־רעגן —
טראָפּן
קלאַפּן —
מיט פרימאָרגן
אין שויב.

און איך גרייט זיך
צו מיין גרויסן
וואַנדער —
איבער די ימען.

מיין שוועסטער די עלטסטע,
איידל־רבקה —
האָט זי געהייסן ,
פּאַקט מיר די פּעק

און דערלאַנגט מיר
אַ פּערפּום־פלעשעלע,
אין אירע בלויע אויגן

צעפינקלען זיך
טרערן, און זאָגט:

נעם דאָס,
כאָטש קיין פּערפום
איז אין דעם שוין נישטאָ
דאָך, וועט עס דיר
נוצן:

אויף אַריינלייגן
נאָדל־פאָדעם
צו פאַרנייען
אַ טשעפּ, אַ ריס —
אויפן וועג:

דאָס פּערפום־פלעשעלע
איז מיר געבליבן,
און די ריסן —
פאַרנייען זיך נישט.

איך האָב זיך געזעגנט

איך האָב זיך געזעגנט
אַזוי מיט מײַן טאַטן:
אַ קוש אים אין ליכטיקן שטערן
געגעבן,
און שטום —
אויף אַ ווײַלע
געבליבן.

און דער טאַטע,
מיט פֿרומע
ערלעכע אויגן,
האָט מיט צער
און מיט בענקשאַפֿט
מײַן פּנים
באַטראַכט.

און מיט שטילע,
לאַנגזאַמע טריט
און שעפּטשענדיקע
ברכות...
האָט ער מיך
צום טיר באַגלייט.

און אַזוי באַגלייט מיך,
דאָס לעצטע בילד
פֿון מײַן טאַטן —
אויף אַלע מײַנע
וועגן.

זיי געזונט

זיי געזונט, זיי געזונט,
היים מיינע, וואַרשע —
מיין טייערסטע מתנה,
בלייבט איצט ביי דיר —

געפּאַסט אַ בריליאַנט —
אין דיין ערד־האַרץ
מיין מאַמען —
און איך פאָר זיך
אַוועק,
אין דער וויַיט,
איבער ימען.

זונען פון זומער,
זונען פון ווינטער,
זיַיט איר די וועכטער,
פון גרויסן געשאַנק —

וואָס איך האָב פאַרטרויעט
פוילנס ערד —

און מיט קיין האַרבסטיקן
רעגן,
דעם בריליאַנט —
נישט צעשטערט.

אויף דער ווייל

אויף דער ווײַל
פּוץ איך אויס
מײַן צימער,

אויף דער ווײַל
בליט אויף
דער בלומענטאָפּ
אויף מײַן פענצטער.

און אַלץ מיט מיר
וואַרט —
וואַרט, און וואַרט,

אויף דעם גרויסן
טאָג —
וואָס דאַרף קומען.

מיין חלום

עס וועט מיין חלום
מיך נישט נאַרן
עס וועט מיין חלום
זיין אַ וואָר.

אַלע נישט-דערברענטע
שטערן —
וועלן אויפגיין
ווי זונען קלאָר.

אַלע נישט-דערשטראָמטע
טײַכן —
צעכוואַליען זיך,
ווי ימען גלײַך.

און צעלײַכטן
וועט זיך דעמאָלט
יעדער טונקל הארץ
בײַ מענטש.

און מיט לויטער ליבע
וועט די וועלט דאָן —
זײַן געבענטשט.

בלייב מיט מיר

מיט דײַן צאַרטער,
ווייכער האַנט,
באַריר, מײַן בלאַט,
ריר אָן מײַן גראָז,

האָסט אין מיטן פרילינג,
מיין בלי
פאַרלאָזט.

איז פאַרצערט געוואָרן
מיין בלאַט,
און מיין בלום.

פון די שטאַרע
בליקן,
פון אַרום.

איצט קומסטו ווידער
מיט דײַן זוניקן
בליק —

ווערט גרינער
מיין גראָז,
פונעם גליק.

פײַכטער מײַן ערד,
פֿון דײַן,
אויגן־טוי.

בלײַב מיט מיר,
מײַן פֿלאַנץ גײט אויף
אין דײַן בליק.
— — — — — —

אַ בינטל זשאַסמין

אַ בינטל זשאַסמין,
ווײַס און פריש,
חלומט
אין קריגל וואַסער
אויפֿן טיש.

פֿון פֿרילינג-וועלט,
וואָס אײביק בליט,
פֿון צויבער פֿײגל,
וואָס בענטשט מיט ליד.

פֿון קנאָספּן-קינדער
וואָס בליִען מיט פּראַכט
און זײ שרעקט נישט
קײן וועלקן-מאַכט.

פּלוצעם האָט אַ ווינט
דאָס פֿענצטער אויפֿגעפּראַלט —
פֿון די ווײַסע
זשאַסמינען-בלומען
אַ בלעטל אָפּגעפּליקט.

האָט דאָס גאַנצע
בלומען-בינטל
מיט געל-פֿאַרצערטע ליפּן
דעם ווינט —
אַ קללה געשיקט.

נאָר איין קנאָספּל
איז געבליבן
עקשנותדיק
און פריש;

אויפגעבליט
מיט פרילינג־אויגן
אין קריגל וואַסער
אויפן טיש.

קוקט עס אויף דער וועלט
דער נײַער,
פון דעם פאַרצערטן
שטאָם אַרויס;

שפּרייט עס ריחות,
שפּינט עס פעדעם,
אַז זײַן שטאָם
זאָל וואַקסן גרויס...

ווי אַ שטערן

ווי אַ שטערן
בלאָנדזשעט אום,
אַ דאַנקבאַרקייט
אין מיין זכרון,
צו אַ פרעמדער
פרוי —

וואָס האָט מיך
פון מיין פאַלן
אין מיטן גאַס
דערהויבן.

און מיט איר
שניי־ווײַס טיכל —
מיין וווּנד
געווישט.

ווען איך בין צו זיך,
געקומען,
געוואָלט מיין דאַנק
איר געבן,
האָב איך זי —
פאַרלוירן.

זוך איך איצט
אין יעדן,

דעם אָפּשײַן —
פֿון יענער
פּרוי.

וואָס עס איז מיר
איר שניי־ווײַס
טיכל —
געבליבן.

בלאָנדזשעט
ווי אַ שטערן —
אַ דאַנקבאַרקייט
אין מײַן זכרון.

ג ע נ אַ ר ט

גענאַרט האָט מיך
מיין פֿרײַנד,
אין צײַט פֿון פּײַן
און וויי.

נישט אויסגעשטרעקט
זײַן האַנט,
ווען ס׳האָט געבויגן
מײַן שיפֿל זיך
אין ווילדן
שטורעמווינט.

נישט שעלטן וועל איך —
רחמנות האָבן
אויף מײַן פֿרײַנד,

וואָס איז אַזוי
פֿאַרבלענדט פֿון זיך,
און פֿון זײַן פֿולן
שײַער־קאָרן.

ביי די שוועלן

ווײנען מאַמעס
בײַ די שוועלן,
הילט זיי נאַכט
מיט אירע פליגל,

הענגען זיי
די טרערן אויף
אויף יעדער טיר,
ווו ס'איז אַ ריגל.

ווײנען דאָרטן
הערצער ראָבן,
לאַכט מען פון די
מאַמעס טרערן,

ליגן מאַמעס
אויף די שוועלן,
מיט קינדער בלאָנדזשענדע
ווי טרערן.

קומט אַ שטורעמווינט,
אַ ווײכער,
ברעכט ער אוים
טיר און שויבן.

און ס'צעפּאַלן זיך
די געסטן,

פון די ווילדע
שוואַרצע ראָבן.

טוט אַ זון
אַ שײַן פון מזרח,
בליִען אויף
מאַמעס אויגן.

וואָרקען טויבן
שוין אַ בשורה,
פון אַ העלן
רעגנבויגן.

אַ געבעט צו דער לבנה

לבנה, לבנה,
ניִשט שײַן אַזוי העל
אַט ליג איך באַהאַלטן
אין קעלער פֿאַרמאַכט.

און זע —
דורך די שפּאַלטן,
ווי דו לײַכטסט
אין דער נאַכט.

פֿאַרשלייער דײַן פּנים
מיט וואָלקן פֿון קרעפּ,
זאָל שונא ניט זען
דעם קעלער, די טרעפּ.

וואָס פֿירן
צום לעצטן סוד
פֿון מײַן מאַמען —
וואָס שעפּטשעט אין שטיל:
כ׳וועל דיך היטן
פֿון אַלע פֿלאַמען.

צום מענטש

שטעל אָפּ דײַן לויף,
שטעל אָפּ
דײַן פלי,
הער זיך מענטש
צום גרעזל צו.

ווי עס כליפּעט
אין דעם שאָרך
און שפּיגלט אָפּ
די חורבן־טרער
אויף זײַן גרין
געוועב.

קלײַב די טרער
אין קרוג פון שײַן,
זי איז —
דאָס יאָרצײַט־ליכט.
פון חורבן־פּײַן.

מען קלאַפּט אין מײַן טיר

מיט צאַרטע פינגער
מען קלאַפּט
אין מײַן טיר.

איך עפן —
אַ פרוי שטרעקט אויס
די האַנט,

דערלאַנגט מיר
אַ זייפל,
און זאָגט:

קויפט דאָס
ס׳וואַשט אָפּ
אַלע חושך —
פלעקן.

איך קויף דאָס זייפל,
און טראַכט —
אַזוי קלאַפּט אויך
אין טיר פון דער וועלט,
דער ייִדישער דיכטער —

וואָס וויל מיט זײַן ליד
אָפּוואַשן —
דעם חושך
— פון וועלט.

אַ שיף איז אָפּגעגאַנגען

װען די זון
האָט זיך געשפּיגלט
אין פֿאַרטאָגיקן ים,
געבאָדן,
די גאָלדענע
שטראַלן,

איז פֿון ברעג־ים,
אַ שיף אָפּגעגאַנגען.

געבליבן דער פֿלאַטער
פֿון װײַסע טיכלעך,
הענגען
אין לופֿט.

נאָר פֿאַרליבטע
בליקן,
האָבן אַלץ נאָך
געזוכט,
געזוכט, און באַגלײט,
דעם לעצטן צײכן
פֿון דער שיף.

אַ ל יי ן

איך בין אַליין,
אַלץ אַרום מיר
שוויַיגט —

מיין נשמה,
טרינקט זיך,
טובלט זיך,
אין די טיפסטע
ימען —

זיפצט אוים:
אַ תפילה
צו גאָט.
— — — —
נאָר דו —
הערסט מיין קול
נאָר דו —
זעסט מיין פּנים,

מיין געוויין
אין דער שטיל
דו פאַרנעמסט —
נאָר דו —
נאָר דו —.

אין זיבעטן הימל

וועןאיך בין
בײַם ברעג־ים
געזעסן,
מיט צוויי
פֿאַרערערינס
מײַנע:
מרים, און פרידע,

און פֿאַרגעלייענט
און געזונגען
מײַנע לידער,
איז אַ הייסער זומער־
פֿאַרנאַכט געווען.

די זון האָט שוין
געוואַשן
אירע פֿײַער־האָר,
אין די ימיקע
כוואַליעס,

און צעצונדן
דעם גאַנצן
אָרום.

און איך האָב קאָנצערט
געגעבן:
פֿאַר זון, ים, הימל,

און צוויי
פֿאַרערערינס.

זיי האָבן מיך געגלעט,
געליובט —
ביז אין זיבעטן
הימל,
און מיט קושן
מיין צער געווישט.

האָב איך אויף אַ ווײַל
מיין צער
פֿאַרגעסן,
אין זיבעטן הימל
געווען.

אַ געבעט

אויף מיין פענצטער־
ראַם,
אַ בלומענטאָפּ
שטייט,
שושקעט ער:
דורך זיינע גראָזן
שטיל.

איך בין דיין שומר
זאָגט ער,
היט דיך,
טאָג און נאַכט.

ציר זיך אוים
מיט זונען
ליכט,
און שפיגל אָפּ,
אויף דיין געזיכט.

איז געקומען
בייזער האַרבסט,
פאַרצערט —
מיין גראָז, און בלום,

געבליבן גרינען
נאָר —
אַ ציטערדיקער,
צווייַג.

באַזינג אים
טײַערער פּאָעט —
אין דער שווערער,
בייזער שעה.

ער זאָל דערגרינען,
ביז דער פרילינג,
ווען ווידער
אויפגיין —

און זיך שפּיגלען
אין דײַן פענצטער,
מיט הימל-
בלוי.

לאָז מיך חלומען וועלט

לאָז מיך חלומען
וועלט.
וואָס מאַכט דיר אויס,
ווען מענטש
מיט זון —
איז באַהעלט ?

ווען זיין קאַנווע
איז זון —
און פּערל די שטעך,
און וועבט
אין דעם טונקל
אַ שטראַלנדיקע
פאָן ?

דער שמייכל

איך בין דער שמייכל
פון באַגינען,
דאָס קלענסטע
שוועסטערל
פון דער נאַכט.

פֿאַר דער גרויער
וויסטער נויט,
אַ גאָלד קלייד
איך שפּין.

דו פרעגסט ?

דו פרעגסט,
ווו איך נעם
די ליכטיקע רייד
פֿאַר מײַן ליד ?

איך וועל עס דיר
זאָגן :

ווען איך גיי
מיט מײַן קרוג
צו דעם קוואַל —

שעפּן רייד
צום געזאַנג
פֿון געמיט,

שעפּ איך נישט
קיין וואַסער,
נאָר זונענליכט
פֿאַר מײַן ליד.

נישט פאַרגעסן

דאָס ליד איז צום אָנדענק מיין
לערער און פריינד, וואָס האָט דער
ערשטער אַנטדעקט מיין פּאָעטישן
טאַלאַנט —
מלך בלאָך האָט ער געהייסן.

נישט פאַרגעסן
וועל איך דיך,
ווי דורשטיקע
ערד
דעם רעגן.

דו ביסט געווען
אַנטדעקער,
גערטנער, פון דער
וונדער־
בלום.

דער ערשטער,
איר שפּראָץ
דערזען —
געריסן ווילדע
גראָזן,
וואָס האָט איר בלי
פאַרשטעלט.

נישט פאַרגעסן
האָט די בלום

דיַין נאָמען —
זינגט אויס
תּפילהדיק,
יעדן טאָג,
פֿאַר דיר אַ לויב.

ווײַל דו האָסט
געעפֿנט
די צויבער־טיר
צום געזאַנג
פֿון בלויע
הימלען.

נישט פֿאַרגעסן
וועל איך דיך —
ווי דורשטיקע ערד
דעם רעגן.

אַכצן רויזן

טראָגט אַ נעגער
אַ בינטל רויזן,
בלומען אַכצן
צום געבורטסטאָג
פון אַ מיידל.

עס האָט אַ ייִנגל
אים געגעבן
אָפּצוטראָגן,
זײַן געליבטער
אַ געשאַנק.

אָט די רויזן
נאָר וואָס אויפגעפּיקטע,
האָט דער גערטנער
פאַר דעם מיידל,
אַלע רויטע
אָפּגעשניטן.

איילט דער נעגער
דורך גאַס, און גאַסן,
מיטן בינטל רויזן
אין די הענט.

אַלץ וואָס גיכער
אָנצוקומען,
צו דעם נומער
הונדערט אַכט.

װען ער שטײט שױן
בײַ דעם טויער,
און באַרירט
דעם גלאָק פֿון טיר.

באַװײַזט זיך גלײַך
אַ בלאָנד שײן מײדל,
מיט אויגן בלויע
װי סאַפּיר.

ער דערלאַנגט איר
דאָס בינטל רויזן,
זי, אַ פּאָר
מטבעות אים.

ער נעמט די סענטן
און דערװײַל —
מיט די גיריקע
אויגן זײַנע,

עסט ער אויף
איר בלאָנדע שײַן,
װי דער תּהום —
דאָס ליכט.

דאָס נעגער־געזאַנג

דו שמייכלסט, ווײַסע
פון מײַן ליבע,
הוזקסט פון מײַן
שוואַרצער רויז.

טיף אין האַרצן
לײַכט מײַן ליבע
ווי אַ שטערן
שיין און גרויס.

שפּיגל, ווײַסע,
זיך אין שטערן,
זע, ווי לויטער
איז זײַן גלאַנץ.

זעסט אַ גערטנער
פלעכט פון בלומען,
פון אַלע פאַרבן
נאָר איין קראַנץ.

די וועשן

שפּאַנט פֿון דאָרף
די שוואַרצע וועשן,
אײַלט מיט מידע טריט,

אויף איר קאָפּ
אַ ווײַסן פּאַק,
וואָס פּאַלט אַראָפּ
און ווערט צעשיט.

קלײַבט זי יעדעס
שטיקל גרעט,
ווי אַ שניטער,
יעדן זאַנג.

ביז אויף אירע
טונקל הענט,
בלייבט דער לעצטער
זונפאַרגאַנג.

אַ נעגער־ליד

שוואַרץ איז מײַן הויט,
נעגער מײַן נאָמען,
איך וויל אַז אַ וועלט
אַ נײַע זאָל קומען.

נישט האַסן זאָל מען
מײַן טונקעלע הויט,
אין לאַנד פון די ווײַסע
זאָל אויפגיין מײַן ברויט.

אַ ת פ י ל ה

איך קען קיינעם
נישט רופן
און קיינעם
נישט זאָגן.

חוץ דיר,
באַשעפער פון אמת
דו מעגסט עס וויסן.

עס צעבליִען זיך גערטנער
מיט גיפטיקע בלומען
מיט רויש און מיט פלאַטער,
ווי אמתע רויזן.

זויגן די בינען
די זאַפט פון די בלומען
און נערן די וועלט
מיט גיפטיקן האָניק.

בעט איך דיך גאָט:
שיק דיַינע ווינטן
די שליחים, די שטאַרקע,
זיי זאָלן פאַרצערן,
די גערטנער פון גיפט.

און ברענג אויף דער וועלט
די אמתע בלומען,
אַז יעדער זאָל פילן —
דיַין געטלעכן דופט.

זאַמדיקע ווינטן

איר זאַמדיקע ווינטן,
פאַרשיט נישט
דעם צווײַט,

שטעלט אָפּ
אײַער שטעכיקן
פלי —

לאָזט פרײַ
מײַנע וועגן
פאַר דעם זוניקן
בלי —

פון אייביקן
פרילינג.

ווען דו קומסט

ווען דו קומסט
ליַיכט אויף מײַן פרייד,
ווי די זיבן
זונען גרויס.

דײַנע ווערטער
טו איך קלײַבן,
ווי די פּערל
פון ימען שויס.

איך צי די פּערל
אויף זונען שניר,
און וועב זיי אײַן
אין דיר, פאַר דיר.

אין מיטן טאָג

אין מיטן טאָג
איך שטיי
אויף אַ פעלדזיקן
וועג.
פאַרקוק זיך,
אין ווײַטן
הימל־רוים.

פּלוצעם, דערהער איך
אַ זשומערײַ:
דערזע אַ בין
שטייט אויף מײַן
צעפלאַטערט קלייד —

עסט אַ קרישקע,
וואָס ס'איז געבליבן
פון מײַן מאָלצײַט,
אין די פאַלדן
פון מײַן קלייד.

און זשומעט צו,
אַ פריידיק זיסן
דאַנק.

און איך טראַכט:
ווי שיין וואָלט געווען,
ווען דער מענטש

זאָל זיך קענען
דערהייבן
ווי די בין:

און זײַן אַזוי פריידיק
דאַנקבאַר
פאַר זײַן מאָלצײַט,
ווי שיין וואָלט
געווען.

מיין חלום

עס האָט מײַן חלום
זיך צעשומעט
אין מײַן צײַטיקער
מאַנדאָלין —
ווי אַ גאָלדענע
בין.

און זאַמלט האָניק
פאַר דעם ניגון,
וואָס וועט דעם נײַעם
דור —
אויסוויגן.

שלאָף איין, מיין קינד

שלאָף איַין מיַין קינד
נים שרעק,
עס איז דער מבול
שוין אַוועק.

שווערע וואָלקן
שוין צערונעו,
בלויע הימלען
קומען.

שלאָף שוין רויִק איַין,
מיַין קינד,
שוידערסט נאָך
פון קריג,

פון ווילדן פיַיער,
וואָס האָט פאַרברענט
דיַין וויג.

פון די אַלע
פּיַינען, שרעקן,
וועסטו אויסוואַקסן
אַ העלד.

באַצאָלן די שונאים,
פאַר דער ייִדיש

אומגעבראַכטער
וועלט.

— — — — — — —

שלאָף איַין, מיַין קינד,
נים שרעק,
עס איז דער מבול
שוין אַוועק.

וויין נישט

וויין נישט, פייגעלע,
שלאָף איַין,
עס וויגט דער טײַך שוין
די פישעלעך איַין,

דער לעצטער זונשטראַל
אויף באַרג פאַרגייט,
אויף שפּיצנפינגער
די נאַכט שוין טרעט.

זי ווישט די טרער
פון בלאַט און בלום,
הערט זיך צו
צו פויגל־ברום.

אין דעם פענצטער
דאָרט אין שויב,
לבנה פלאַטערט
ווי אַ טויב.

שיט מיט שטראַלן
ווי מיט צווייט,
צינדט דײַן שטערן —
אין הימל־מיט.

וויין נישט פייגעלע,
שלאָף איַין,
עס וועט דײַן לעבן
אַ לויטערער זײַן.

די צוועלפטע שעה

שלאָף איַין מיַין קינד,
האָב רו,
עס האָט געקלאַפּט
די צוועלפטע שעה.

דער שונא מוז איצט
פאַלן ווי אַ הונט,
און דו ווערסט פריַי
ווי אַ פרילינג־ווינט.

שלאָף שוין, שיינער,
שטראַלנדיקער ליכט,
— דיַין שמייכל
ווישט דעם צער
פון ישראלס געזיכט.

דיַינע אויגן
— בלויע הימלען
פון יידיש לאַנד,
פאַרשאָלטן וועט
דער שונא זיַין,

אויף אייביק
אָפּגעדאַרט זיַין האַנט.

שלאָף איַין, מיַין קינד,
האָב רו,
עס האָט געקלאַפּט
די צוועלפטע שעה.

דאָס וווּנדער־קינד

עס האָט דער ווינט געצערטלט
די לאָקן פון דער נאַכט,
האָבן אירע אויגן
מיט שטערן אויפגעוואַכט.

און זי האָט געשמייכלט
מיט איר שוואַרצן חן,
האָבן זיך צעשטראַלט
מיט כּישוף אירע ציין.

ווינט האָט זיך צעשטורעמט
ביי איר לבנה־ברוסט;
ווערט די נאַכט פאַרשיכּורט
פון דעם ווילדן לוסט.

און זי דרימלט איין
אויף די הענט פון ווינט,
ביז דער טאָג וואַכט אויף,
ווי אַ וווּנדער־קינד.

אַ מעשה אין דער וואָר

הערט אויס קינדער אַלע,
הערט־זשע, נישט פֿאַרגעסט,
ווען די זון גייט אונטער —
קומט צו מיר אין געסט.

איך וועל אײַך דערציילן
אַ מעשה אין דער וואָר,
נישט וואָס ס'האָט געטראָפֿן
מיט טויזנט, טויזנט יאָר.

און אַז איר זענט געקומען,
דערציילן וועל איך אײַך.
זעצט זיך אויפֿן בערגל
וואָס שפּיגלט זיך אין טײַך.

עס איז געווען אַ הערשער
מיט פֿיל לענדער רײַך.
און אַלץ געוואָלט פֿאַרשלינגען
ווי אַ טיגער גלײַך.

אויפֿגערייצט זײַן פֿאָלק,
ווי אין אַ דזשאַנגל־צעלט,
און געוואָלט פֿאַרצוקן
אַלע ייִדן פֿון דער וועלט.

אויסגעראָטן ייִדן פֿיל,
דורך פֿײַער און דורך שווערד.

און זײַן ווילדן שדים־טאַנץ
אַלץ וואָס ייִדיש — צעשטויבט, צעשטערט.
— — — — — — — — — — — — — — —

פּלוצעם איז געשען אַ וווּנדער,
אַ וווּנדערלעכער נס:
ייִדן האָבן פֿון די חורבות
אויפֿגעוואַקסט אין אײן מעת־לעת.

און צעגליט מיט וווּנדער־כּוח
יעדן פֿונק, פֿון אַש און שטויב.
ייִדיש פֿאָלק אויף ס'נײַ צעשטראַלט זיך —
מיט זײַן לאַנד, געזאַנג און לויב.

װען איך הער
דײַן נאָמען
— װאַרשע
ציטערט אויף
מײַן גאַנץ געביין.

און פון דעם פיבער
װי אַ װוּנדער
לעבט אויף פון חורבות
אויף ס'נײַ
מײַן היים.

און איך זע דיך
װאַרשע װידער,
מיט דײַן צויבער
מיט דײַן פּראַכט.

און פון אַלע
דײַנע רחבות
שנײַדט די נויט זיך,
אײַן װי נאַכט.

אין גאַס שפּאַצירן
פּאָרלעך רײַכע,
אויף ראָג אַ בעטלער
בעטלט ברויט.

פענצטער לײַכטן אויף
וװי זונען —
פון קעלער, פלעמלט
גאָר די נויט.

ייִדן אײַלן
אין די שולן,
אויך מײַן טאַטע
צווישן זיי —

דאָס אײַלט ער זיך
אין גערער שטיבל,
וווּ עס וואַרט אויף אים
אַן עדה ייִדן —
צו לערנען
תורה —
דאָרט מיט זיי.

איך וועל דיך וואַרשע —
נישט פאַרגעסן,
אויך דעם טאָג —
ווען כ׳האָב דיך
פאַרלאָזט.

— — — — — — — — —

מײַ דעם צוואָנציקסטן,
יאָר דרײַסיק זעקס —
געזעגנט האָב איך,
וואַרשע — מײַן היים.

ד אָ ס ל י ד

דאָס ליד איז די טרער
פון צער,
און פון פרייד.

ווען דאָס לעבן
לאָזט דיך אַליין,
ווערסטו —
מיט זײַן תפילה,
באַגלייט.

ליבע־געזאַנג

צו דײַן פעלדזן־ברוסט
  האָסטו מיך געשמידט,
האָסט רובינען־שטיינער
געגאָסן פון מײַן בלוט.

ביסט מעכטיק ווי דער אָדלער
  און ווי פעלדזן פעסט —
שוועבסט מיט מיר דורך ימען
  צו דײַן פרײַער נעסט.

דו

ווען איך מיש
די זכרונות-בלעטער,
פון מײַן לעבן,
פֿון מײַן צײַט,

וואַקסטו אויס
אַ בלומען-טורעם,
אויף מײַן לעבנס-בײַט.

דו ביסט געווען
מײַן רעגן,
ביסט געווען
אי זון, אי ווינט.

ווען איך האָב,
דאָס ערשטע ליד מײַנס,
אין שטורעמווינט
געשפּינט.

דו קוקסט מיט דײַנע
ליבע-אויגן,
אין אַלע פענצטער
פון מײַן נשמה אַרײַן.

צערטלסט מיך,
וואַרעמסט מיך
מיט דײַנע כּישופֿן אויס,
ביז מיר ביידע
ווערן ליד.

האָסט אויפגעברויזט מײַן בלוט

האָסט אויפגעברויזט
מײַן בלוט,
ווי אַ שטורעם
דעם ים.

האָסט אויפגעלויכטן
ווי אַ גאָט,
פֿאַרברענט מיך
אין דײַן פֿלאַם...

איצט בין איך
אויף ס'ניי געבוירן,
צעשטראַלט
פֿון יענעם פֿלאַם,

וואָס האָט אויפגעברויזט
מײַן בלוט,
ווי אַ שטורעם
דעם ים.

דאָס געבעט פון מיין ליד

איך הער דאָס קול,
דאָס געבעט
פון מײַן ליד:

שלײַף מיך, פײַל מיך,
מעסט אוים, יעדער זילב,
זינג אוים, יעדער קלאַנג.

באַציר מיך:
מיט פערלדיקן חן,
זאָל מײַן געזאַנג
זיך צעשטראַלן
אין שטערנדיקן
גלאַנץ.

נישט פאַרשעמען
דײַן נאָמען,
ווען דו לאָזט מיך
שפּאַנענדיק אַליין —
איבער וועלט.

דערקענט מיינע טעג

כ'האָב דערקענט מיַינע טעג
די נישט־דערוועבטע,
דערקענט מיַינע נעכט,
די נישט־דערשטרעבטע.

אין רוישן פון קוואַלן
דערקענט זייער שטראָם,
אויף טורעמס פון פריַיהייט,
דערקענט זייער טרוים.

אין קינדערשע שמייכלען
דערזען זייער פּראַכט,
אין זונען וואָס וואַשן
דאָס שוואַרץ פון דער נאַכט.

מיין ליד אַ פֿויגל

זײַ דו ליד מײַנס,
הײַנט אַ פֿויגל,
זײַ די ווײַסע
נח־טויב,

וואָס טראָגט
פֿאַר וועלט
אַ בלעטל גרין,
אַ צייכן —

אַז דער מבול
איז אַריבער ,
וואָרקע אוים.
אַ נײַ באַגין.

קינדער פון ישראל

מיר זענען קינדער
פון יִדיש־לאַנד,
צונויפגעקניפּט
מיט שטראַלן־באַנד.

כאָטש מיר זענען
נאָך נישט גרויס,
צערטלט אונדז
קיין מאַמעס שויס.

מיר לעבן פרײַ זיך,
ווי די ווינטן,
ווי די ווינטן,
אויפן סטעפּ.

מען טוט פאַר קיינעם
זיך נישט בייגן,
אונדזער שטאָלץ,
ווי אָדלער־קעפּ.

פעלדזיק פעסט
איז אונדזער מוט,
ס׳ברויזט ווי ימען,
אונדזער בלוט.

מיר זענען גרייט
אויף קאַמף און שלאַכט,
צו גלִיען זון
אין חושך נאַכט.

צעשטראַל זיך מײַן ליד

צעשטראַל זיך
מײַן ליד,
אין די שטיבלעך,
ווו אומעט דריקט,

און עס חלומען
קינדער:
פון פרייד,
און פון גליק,

דאָרט צעשטראַל זיך
מײַן ליד.

מײַד אוים
די ניכטערע,
מײַד אוים די זאַטע,
נישט פאַר זיי —
ביסטו געשאַפן
מײַן ליד.

דער בריליאַנטענער
שײַן,
פון דײַן קלאַנג,

איז דער בליאַסק,
דער צייכן,
אויף אייביקן
טאָג.

וואָס זשע זינגט אין מיר?

וואָס זשע זינגט אין מיר
אַזוי?
צי דער נעפּל,
צי דער טוי?

אפשר זינגט אין מיר
דער טאָג —
וואָס ר׳האָט נישט
געטאָגט.

און אפשר זינגט אין מיר
די קלאָג,
וואָס האָט נישט
דערקלאָגט?

און אפשר זינגט
אין מיר די שײַן —
וואָס ס׳איז טיף
אין מיר פֿאַראַן.

און זי גיט צו מיר
אַ זאָג:
ווי צו דער ערד
דאָס גראָז.

געווּנג דיר שוין
דײַן פּײַן און פּלאָג,
זינג אויס דאָס ליד
פון צעזונטן טאָג.

מײַן גאָרטן

מײַן גאָרטן בליט
אין װײַסן גליװער־
שנײ
פֿון װינטער.

מײַן גאָרטן בליט
אין פֿױלן, טריבן
האַרבסט.

מײַן גאָרטן
שפּרייט ריחות,
שמעקנדיקע
בשׂמים.

אין אַלע צײַטן
פֿון יאָר,
מײַן גאָרטן
בליט.

Este libro se terminó de imprimir
el día 15 de mayo de 1962 en los
Talleres Gráficos "Zlotopioro
Hnos." S. R. L., San Luis 3149,
Buenos Aires, Rep. Argentina.

Copyright by
SARA BIRNBAUM
BUENOS AIRES

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINA
Hecho el depósito que marca la ley

SARA BIRNBAUM

ANTES DEL AMANECER

(POESIAS)

Buenos Aires, 1962